**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/5/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער HOCHUL (האקול) שלאגט פאר גרויסע אינוועסטירונג אין הודסאן וועלי באן סערוויס אלס טייל פון 2025 סטעיט אוו די סטעיט**

***פלאן וועט שניידן מעגליכע רייזע צייט מיט ביז 15 מינוט יעדע וועג פאר עטליכע טריס און פארבעסערן פארלעסליכקייט, קוואליטעט און שנעלקייט פון מעטרא-נארט רעילראוד און אמטראק-NYSDOT עמפייער סערוויס.***

***"סופער-עקספרעס" מעטרא-צפון סערוויס וועט פארמינערן פארלעסליכע רייזע טראנספארט צווישן ניו יארק סיטי און פאוגקיפסי צו ווייניגער ווי 90 מינוט***

***פירט ווייטער גאווארנער'ס איבערגעגעבנקייט צו הויכע-קוואליטעט סובורבאן רעיל, נאכפאלגנדיג די פארענדיגונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן און LIRR דריטע טרעק***

אלס טייל פון איר 2025 סטעיט אוו די סטעיט, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט פארגעשלאגן א גרויסע אינוועסטירונג אין הודסאן וועלי רעיל סערוויס וואס וועט פארמערן קאפאציטעט, פארמינערן פארשפעטיגונגען, פארבעסערן זיכערהייט און שניידן מעגליכע רייזע צייטן מיט ביז 15 מינוט יעדע וועג פאר עטליכע טריפס, ווי אויך פארקורצערן "סופער-עקספער" מעטרא-נארד ליין טריפס צו ווייניגער ווי 90 מינוט. די פארשלאג נעמט אריין פלאנירן, אפשאצן און אויסשטעלן פאר א סעט פון רעיל אינפראסטרוקטור קאפיטאל פארבעסערונגען צווישן ניו יארק סיטי און פאוגקיפסי, אריינרעכענענדיג פראיעקטן אזויווי א צווייטע טרעק אין ספויטען דוויויל (Spuyten Duyvil), אינטערלאקינג, אנווייזן און טרעקארבעט אין קראטאן הארמאן (Croton Harmon), און קאפאציטעט פארבעסערונגען אין פאוגקיפסי יארד. אין צוגאב, וועט די מעטראפאליטאן טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority MTA) דורכפירן א סיגנאל איבערמאכונג נעבן יאנקערס און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אינוועסטירונגען אין די שוואכסטע און העכסטע גערייזטע טיילן פון די הודסאן ליניע.

"הודסאן וועלי רייזנדער קומט זיך שנעלע, הויכע קוואליטעט רעיל סערוויס אויף וואס זיי קענען זיך פארלאזן, און די אינוועסטירונגען וואס איך שלאג פאר מיר זאלן מאכן וועט ברענגען טראנספארמירנדע טויש פאר קומענדיגע דורות," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איבער די קומענדיגע יארן, וועלן די שטארק-נויטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אונז ערלויבן צו מאדערניזירן אונזער רעיל סיסטעם, פארמערן פארבינדונג, פארמינערן רייזע צייט און פארשטערקערן עקאנאמישע פארבינדונגען לענגאויס דעם ראיאן. מיט די פארשלאגן, לייגן מיר דעם פונדאמענט צוזשטעלן שנעלערע און מער פארלעסיכע רעיל סערוויס פאר סובורבאן רוראל רייזנדער לענגאויס די הודסאן וועלי און ווייטער."

אלס טייל פון א צוטיילונג ערווארטעט צו זיין עוועילעבל פאר ראיאנישע אינוועסטירונגען אין איר 2025-29 קאפיטאל פלאן, וועט די MTA אפשאצן און מאכן אנדערע פאטענציאלע רעיל פארבעסערונגען, אזויווי צולייגן א דריטע טרעק צו די מעטרא-נארט הארלעם ליניע אדער פארבינדן הודסאן ליניע סערוויס צו פענן

סטאנציע פאר א איין-זיץ רייזע צו מאנהעטן'ס וועסט סייד. אין צוזאמענארבעט מיט NYSDOT, וועט די MTA אויך אוועקשטעלן א ראיאנישע רעיל ארבעטנדע גרופע מיט ניו דשערסי, קאנעקטיקוט און רעיל פארטנערס, צו שטיצן בעסערע צוזאמענארבעט אויף אינטעראפערירונג, טיקעטס, סקעדשולס און קאסטומער אינטערפעיסעס. די גרופע וועט אויך אנטוויקלען פלענער צו מאכן רייזע דורך מעטרא-נארט אדער לאנג איילענד רעילראוד צו מעטלייף סטעדיום ווי לייכטער מעגליך פאר די 2026 וועלט קאפ און אויסטרעפן צוקונפטיגע געלעגנהייטן צו ווייטער אינטעגרירן ראיאנישע רייזעס.

גאווארנער Hochul (האקול) גלייבט אז נאך מער קען געטון ווערן צו פארבעסערן סערוויס און צוצושטעלן פאר רייזנדער אויף ביידע זייטן פונעם הודסאן ריווער. בויענדיג אויף א פילטא פראגראם צו פארבעסערן די דערגרייכונג פון מעטרא-נארט מערב פון די הודסאן ריווער מיט טיקעטס, פערי און פארקינג אינסענטיוון, וועט ניו יארק אויך דורכפירן א טרענזיט אנאליז מיט עקספערט אנווייזער פארצושלאגן און אפצושאצן נאך רעקאמענדאציעס צו פארברייטערן און פארמערן די ווירקונג פון רעיל סערוויס און קוקן אויף געלעגנהייטן פאר נאך סארטן פון רייזנדער טראנזיט פאר ניו יארקערס וואס וואוינען מערב פונעם טייך און ארבעטן אין ניו יארק סיטי. די אנאליז וועט אריינרעכענען א שטארקע ארבעטגעבער און דעסטינאציע איבערזיכט אין אראנדש קאונטי, נעמענדיג אין באטראכט מעגליכקייטן אזוי ווי שאטל באס סערוויס וואס זאל ארבעטן מיט פארט דשערוויס ליניע (Port Jervis Line) באנען צו אטראקציעס אזוי ווי וואודבערי קאמענס (Woodbury Commons), לעגאלאנד (Legoland), שטורעם קעניג ( Storm King), רענעסאנס פעיר (Renaissance Fair) און סטוערט עירפארט (Stewart Airport).

די היינטיגע מעלדונג בויט אויף גרויסע ראיאנישע רעיל אינוועסטירונגען צוגעשטעלט דורכאויס גאווארנער Hochul's (האקול'ס) טערמין, אריינרעכענענדיג די צושטעלונג פון די LIRR דריטע טרעק ( LIRR Third Track) און די היסטארישע עפענונג פון גרענד צענטראל מאדיסאן, וואס האט געברענגט נייע רייזע געלעגנהייטן אויף די LIRR, פארבעסערט ניו יארק'ס ראיאנישע פארבינדונג און פארברייטערט סערוויס מיט 40 פראצענט.

**סטעיט דעפארמענט אוו טראנספארטאציע קאמישענער Marie Therese Dominguez (מארי טערעז דאמינגועז) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדן פארלעסליכע, הויכע קוואליטעט פאסאנזשיר רעיל סערוויס, און גאווארנער Hochul's (האקול'ס) געצילטע אינוועסטירונגען אין די הודסאן וועלי רעיל נעטווארק וועט באדייטנד פארבעסערן די רעיל עקספעריענס פאר טויזנטער פאסאנזשירן וואס פארלאזן זיך אויף דעם סערוויס יעדן טאג. ווען מיר אינוועסטירן אין רעיל און טראנזיט, אינוועסטירן מיר אין ענווייראמענטאל פריינטליכע, פארלעסליכע און פארזיכערטע וועגן פון טראנספארטאציע. NYSDOT איז שטאלץ צו העלפן פירן די אינוועסטירונגען אין אונזער סטעיט-געשטיצטע אמטרעק סערוויסעס, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט די MTA אויף באזונדערע פארבעסערונגען צו מעטרא-נארט סערוויסעס לענגאויס די הודסאן ליניע רעיל דורכגאנג. עס קומט זיך גארנישט ווייניגער פאר ניו יארקערס."

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשאנא ליבער) האט געזאגט,** "מעטרא-נארט איז די עקאנאמישע רוקן-ביין פון די לאווער הודסאן וועלי, און דאס זענען קלוגע געצילטע אינוועסטירונגען צו באשיצן איר צוקונפט און רעקארד 98+ פראצענט אויף-צייט פערפארמענס. אין די צייט פון קלימאט טויש, איז שטאנדהאפטיגקייט ספעציעל וויכטיג, און גאווארנער Hochul (האקול) האט געוויזן אז זי פארשטייט עס טיף."

**MTA מעטרא-נארט רעילראוד פרעזידענט Catherine Rinaldi (קאטערינע רינאלדי) האט געזאגט,** "וועטער פארבינדענע געשעענישן אין לעצטע אירן האבן געוויזן די וויכטיגקייט פון קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אויף די הודסאן ליניע, און מיר זענען צופרידן מיט די פארבעסערונגען וועלכע ערמעגליכן אנגייענדע פארלעסליכקייט פון מעטרא-נארט סערוויס פאר די הודסאן וועלי. איך בין שטארק

דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) שטיצע פאר די פארבעסערונגען, וועלכע וועלן שטיצן די עקאנאמיע פון די הודסאן וועלי."

**פאוגקיפסי מעיאר Yvonne Flowers (יוואן פלאווערס) האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צו הערן אז גאווארנער Hochul (האקול) וויל אינוועסטירן אין די הודסאן וועלי רעיל סערוויס צווישן פאוגקיפסי און ניו יארק סיטי. די גאווארנער'ס איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די פארבינדונג צווישן די סיטי און פאוגקיפסי און ניו יארק סיטי מיינט מער געלעגנהייטן פאר אונזערע איינוואוינער, שטערקערע שטיצע פאר אונזער לאקאלע ביזנעסער, און א מער פארזיכערטע און שנעלערע רייזע צו און פון NYC. די אינוועסטירונג העלפט אונזער קאמיוניטי בליען און בלייבן פארבינדן אין וועגן וואס זענען וויכטיג."

**ווייט פלעינס מעיאר Thomas Roach (טאמאס ראוטש) האט געזאגט,** "אינוועסטירונג אין די מעטרא צפון סיסטעם איז וויכטיג צו אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע. פארלעסליכע, קוואליטעט, רעיל טראנזיט בענעפיטירט אונזערע איינוואוינער, ביזנעסער און די אומגעבונג. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן די רעסאורסעס נויטיג איז וויכטיג און שטארק געשעצט."

**ביקאן מעיאר Lee Kyriacou (לי קיריאקאו) האט געזאגט,** "א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פארן פארשלאגן די גרויסע רעיל אינוועסטירוגנען לענגאויס די הודסאן ליני - וועלכע פארבעסערט די קאמיוניטיס און טאג-טעגליכע לעבן פון אזויפיל פון אונז אין די הודסאן וועלי. אלס א ביקאן צו ניו יארק סיטי רייזנדער פאר מער ווי דרייסיג יאר - און א רייזנדער אויף די "סופער-עקספרעס" אנגעלייגסטע שעה באנען צו ביקאן - ווייס איך ערשטהאנטיג די וויכטיגקייט פון אפטע און שנעלע רעיל סערויס, וועלכע ערלויבט אזויפיל צו האבן פרנסה ביי די ארבעט און הנאה האבן פון פאמיליע לעבן אינדערהיים."

**איבער די ניו יארק סטעיט עמפייער רעיל דורכגאנג**
אין פעדעראלע פיסקאלע יאר (FFY (2024, האט ניו יארק'ס סטעיט-געשטיצטע אמטרעק סערוויס וועקגעשטעלט רעקארדס, מיט רייזנדער פון נאך 2 מיליאן פאסאנזשירן און פארדינסטן אין איבריגע 109 מיליאן דאלאר. דורך NYSDOT, שטיצט ניו יארק די פאפולערע עמפייער סערוויס וואס אפערירט פון ניו יארק סיטי צו אלבאני, אדיראנדאק סערוויס אפערירט ארבעט פו ניו יארק סיטי צו מאנטרעאל, מעיפל ליעף סערוויס וואס אפערירט פון ניו יארק סיטי צו ניאגארא פאלס, ווי אויך די עטהאן אלען סערוויס וואס אפערירט פון ניו יארק סיטי צו בורלינגטאן, ווערמאנט. אין FFY 2024, איז די אויף צייט פערפארמענס אין די ניו יארק סיטי צו אלבאני דורכגאנג געווען ארום 90 פראצענט; און די אלגעמיינע אויף צייט פערפארמענס פאר אלע ניו יארק געשטיצטע סערוויסעס איז געווען ארום 83 פראצענט.

**איבער MTA מעטרא-נארט רעילראוד**
MTA מעטרא-נארט רעילראוד שטעלט צו 700 באנען פער טג ביי 124 סטאנציעס אין די הודסאן וועלי, ניו יארק סיטי און סאוט-וועסט קאנקטיקוט, אפערירנדיג מיט אויף צייט פערפארמענס איבער 98 פראצענט אין 2024 און פולע-יאר רייזעס 12.5 פראצענט העכער ווי די פריערדיגע יאר.

אין נאוועמבער, האט מעטרא-נארט געהאט איינס פון זייערע שטערקסטע חדשים אויף רעקארד מיט א סך הכל פון 5.7 מיליאן רייזנדער, א וואוקס פון 4.8 פראצענט פון נאוועמבער 2023. אויך אין נאוועמבער, האט מעטרא-נארט רעקארדירט די בעסטע יאר-צום-דאטום אויף צייט פערפארמענס אין רעילראוד היסטאריע, אריינקומענדיג 98.3 פראצענט לענגאויס דעם סיסטעם, אין די צייט וואס אויף צייט פערפארמנס (OTP) פאר נאוועמבער איז געווען 97.9 פראצענט, און מעטרא-נארט'ס סערוויס-צוגעשטעלטע ראטע, א מאס פון סערוויס פארלעסליכקייט, פאר אקטאבער 2024 איז געווען 99.9 פראצענט. מעטרא-נארט'ס דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיג רייזערשאפט פון 200,087 אין נאוועמבער איז 81.4 פראצענט פון פאר-COVID שטאפלען און נאוועמבער 2019, אפשפיגלנדיג די שטארקע צוריק-צו-

די-ארבעט רייזערשאפט; מיט דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיג רייזערשאפט פון 122,637, וועלכע איז 94.2 פראצענט פון פאר-COVID שטאפלען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן